באהאלטן ביז היינט. זאלסט וויסן דאס מיר זענען אידן גלייך ווי דו. אונזער גורל איז א ענליכע. מיין פאטער איז אויך פארברענט געווארן אויפן שייטער-הויפן אין שפאניע וועגן דעם אידישן דת. און אפשר האבן גאר אונזערע עלטערן געהאט א שייכות איינער צום אנדערן. אפשר האבן זיי צוזאמען פראקטיצירט אידישקייט, און מ׳האט זיי צוזאמען פארברענט. איצט האט מען אונז פון הימל צונויפגעבראכט. דו וועסט בלייבן מיט אונז, דיין כלה איז גליקליך וואס דיין וואונש וועט קענען געטאן ווערן, און מיר וועלן אלע אין איינעם צוריקקערן צום אידישן גלויבן, און זיין טרייע דינערס דעם אידישן ג—ט מיט׳ן גאנצן הארץ.

אין דער אמת׳ן — האט אנדריאס געזאגט צו ווילסאן — האט מיך שוין לאנג געענגבערט דער געדאנק, פון צוריקקערן צום אידישן גלויבן. כ׳האב אלעמאל געוואוסט געניי, דאס א אמת׳ע באפרידיגונג אין לעבן קענמען נאר האבן דורך די אידישע תורה און דינען צום אידישן ג—ט. נאר דו ווייסט דאך די אומשטענדן, די געזעלשאפט זענען געווען שטערונגען דערצו. אבער איצט קוקן מיר שוין אויף גארנישט, נאר אויף איין זאך, צו זיין טרייע גוטע אידן.

ווילסאן איז געווען אויסערגעוויינליך איבערראשט פון דער זאך.

אוי, ריכטיג... מיט׳ן גאנצן הארץ, מיט לייב און זעל... האט ווילסאן געשעפשעט.

באלד דערויף האט ווילסאן געזאגט :

— ערלויבט מיר פארצולייגן אייך אגוטן פארשלאג. דא אין לאנדאן געפינט זיך איצט אין די טעג, אגרויסער אידישער וועלט בארימטער אבערראבינער, זייער א קלוגער און הייליגערמאן. לויט מיין מיינונג איז ראטזאם דאס מיר זאלן אלע מאכן ביי אים א באזוך. און ער וועט אונז מדריך זיין און געבן די ריכטיגע אנווייזונגען וויאזוי מיר זאלן צוריקקערן צום אידישקייט. און וואס מיר האבן צוטאן ווייטער.

די אנדריאס פאמיליע האט צוגעשטימט צום פארשלאג. און נאך אין דעם זעלבן טאג זענען זיי אלע צוזאמען צוגעפארן צום מהר״ל אין האטעל.

* * *

ווילסאן האט די אנדריאס פאמיליע פארגעשטעלט פאר׳ן מהר״ל :

— דאס איז פראפעסאר אנדריאס און זיין פרוי.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליקט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 71 הודפס ע״י אוצר החכמה

און דאָס איז מיין כלה, זייער איינציגע טאָכטער.

ס׳האָט זיך אַרויסגעשטעלט — האָט ווילסאָן ערקלערט — דאָס זיי זענען אידן, געבוירן ביי אידישע עלטערן אין שפּאַניע. פּראָפ. אַנדריאַס׳נס פאָטער איז פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטער־הויפן פאַרן אידישן גלויבן, פונקט ווי מיין פאָטער.

יאָ, מיר זענען אידן — האָט פּראָפ. אַנדריאַס פאָרטגעזעצט — און מיר זענען געקומען צום הער ראַבינער, דאָס איר זאָלט אונז אונטערריכטן, און וועג ווייזן וויאַזוי מיר זאָלן פאָלקאָם צוריקקערן צום אידישן גלויבן, און זיין גוטע טרייע זין פונ׳ם אידישן פאָלק.

דעם מהר״ל׳ס הייליגע צורה האָט אויפגעלויכטן ווי אַ פאַקל, פאַר פרייד. מ׳האָט דערקענט אויף אים ווי צופרידן און גליקליך ער איז, דאָס דורך אים האָט זיך די זאַך אַזוי אַנטוויקלט. און ער האָט געזאָגט צו זיי:

— איך בין זייער צופרידן, און ס׳איז ביי מיר דער גרעסטער פאַרגעניגן, צוערפילן אייער וואונש, און העלפן אייך צוריקצוקערן צום אידישן גלויבן, צום גלויבן פון אייערע עלטערן.

איר זאָלט וויסן — האָט דער מהר״ל געזאָגט — דאָס דער גרויסער זכות פון אייערע עלטערן, וואָס זיי האָבן זיך געלאָזט פאַרברענען פאַר׳ן אויבערשטנס וועגן, דאָס איז אייך בייגעשטאַנען, און האָט זיך געמיט פאַר אייך אין הימל, דאָס איר זאָלט נישט פאַרפאַלן בלייבן אין די טיפענישן, אין די אומווירדיקייטן פון די וועלט, און איר זאָלט טרעפן דעם וועג צוריק, צום אייביגן ליכטיגקייט, צו די תורה וואָס ג—ט האָט געגעבן אויפן באַרג סיני.

זאָגט פּראָפ. אַנדריאַס — האָט דער מהר״ל געפרעגט — איר דענקט אפשר דעם אידישן נאָמען וואָס אייער פאָטער האָט אייך געגעבן?

זיכער געדענק איך: — פנחס. און מיין פרוי׳ס אידישער נאָמען איז שרה.

אויב אַזוי — האָט דער מהר״ל געזאָגט — איז אייער נאָמען פון היינט אָן פנחס אַנדריאַס. פנחס איז אַשיינער נאָמען, וואָס ווערט אין די תורה דערמאָנט צו לויב און ווירדיגקייט. און אייער פרוי „שרה״ אַהערליכער נאָמען. די ערשטע פון אונזערע אמהות האָט דאָך אַזוי געהייסן.

און ווי רופט איר אייער טאָכטער?

דאָס איז שוין אַ גוי׳אישער נאָמען, „מאַריאַנאַ״ — האָט אַנדריאַס געזאָגט אַביסל פאַרשעמט.

נו, זי וועט הייסן פון היינט אָן „מרים״. אויך זייער אַשיינער נאָמען. משה רבינו׳ס שוועסטער האָט אַזוי געהייסן.

און איר חתן הייסט דאָך „דוד״ אויפן נאָמען פון דוד מלך ישראל, ער זאָל זיך מיען פאַר אונז אַלע.

מיין עצה איז — האָט דער מהר״ל פאָרגעזעצט — איר זאָלט נישט פאַרבלייבן וואוינען דאָ אין לאָנדאָן. אַ מענטש דאַרף נישט זוכן אַרויפצוברענגען אויף זיך נסיונות און שוועריגקייטן. וואָס מ׳קען גרינגער מאַכן די אומשטענדן אויף צוקענגען דינען דעם אויבערשטן רואיג אָן שטערונג, דאַרפמען דאָס מאַכן.

זייער ריכטיג זאָגט דער הער ראַבינער — האָט אַנדריאַס זיך געאיילט צוצוגעבן — איך האָב אויך געהאַט אַזעלכע געדאַנקען. מיר וועלן זיך אַריבערציען אויף פאַריז, און איך וועל מיר צוזאַמען קלויבן מיין קאַפּיטאַל, איך האָף דאָס מיר וועלן זיך קענען פון דעם נאָך איינריכטן עפּעס אַגוט געשעפט. און אַז ג-ט וועט וועלן, וועלן מיר קענען פון דעם שיין עקזיסטירן, און לעבן אַרואיג לעבן צוזאַמען מיט אונזער טאָכטער און אונזער צוקונפטיגער איידעם. און דער עיקר זיין גוטע טרייע אידן, אמת׳ע טרייע קנעכט פאַר׳ן הייליגן באַשעפער, ווילאַנג ס׳איז אונז באַשערט צולעבן אויף דער וועלט.

זייער אַ גוטער פּלאַן — האָט דער מהר״ל צוגעשטימט — דערווייל ר׳ פנחס און אייער פרוי, איר וועט אייך גרייטן צומאַכן אין צען טעג אַרום די חתונה פון אייער לי׳ טאָכטער מרים, מיט איר טייערן חתן דוד. איך וועל זיין דער מסדר קידושין, ס׳וועט זיין אַ אידישע שמחה, איר וועט ביי זיי אַסאַך אידיש נחת זען.

נאָר קודם פאַר אַלעמען — האָט דער מהר״ל געזאָגט — דאַרפמען ערליידיגן די זאַך מיט די הייליגע שטיינער. וויאַזוי דענקט איר דאָס צומאַכן ר׳ פנחס?

איך האָב שוין געזאָגט פאַר אונזער חתן דוד — האָט אַנדריאַס געזאָגט — איך האָב אַשליסל צו איינעם פון די הינטערטירן פונם מוזעאום. איך וועל ביינאַכט דורכדעם איינגאַנג אַריינגיין, און וועל — מיט ג—ט׳ס הילף — צוריקשטעלן די שטיינער אויפן פּלאַץ ווי ס׳איז געווען, אַז קיינער וועט נישט מערקן.

דוד ווילסאָן האָט אויפמערקזאַם געמאַכט זיין צוקונפטיגן שווער:

— איר דארפט וויסן דאס איך האב געלאזט מאכן צוועלף געפעלשטע שטיינער, פונקט געגוי אין דעם מאס און אויסזען ווי די אריגינעלע, און די האב איך מיסטעריש אריינגעשטעלט אויפן פלאץ פון די אריגינעלע. זאלט איר וויסן, דאס ערשט ארויסצונעמען און זארגפעלטיג און געלאסן אריינצופאסן צוריק די אריגינעלע שטיינער.

פארלאז דאס אויף מיר דוד — האט אנדריאס געזאגט — איך בין דאך אן עלטערער פאכמאן אין דעם ווי דו.

גייט און באגליקט — האט דער מהר״ל געזאגט.

— יג —

ווען דער פראפעסאר מארטימאר, האט ערהאלטן דעם בריוו פון פראפעסאר אנדריאס, אין וועלכן ער מאכט אים אויפמערקזאם, אז ער איז געוואויר געווארן אויף א מיסטעריעזן אופן, דאס א באנדע פראפעסיאנאלע איינברעכער פלאנען דורכצופירן א גניבה אינם מוזעאום. און ערווארנט אים דאס ער זאל פארשטארקן די וואך און די באווארענישן ארום דעם מוזעאום, ווען נישט קען ער דאס שטארק באדויערן. דער בריוו האט דעם פראפ. מארטימאר שטארק שאקירט. ער האט פארשטאנען דאס ווען ס׳וואלט נישט געווען קיין ערנסטע פארדאכטן וואלט נישט דער פראפ. אנדריאס געשריבן אים אזא בריוול.

מארטימאר האט פארשטאנען דאס אזא גניבה קען נאר צושטאנדע קומען ביינאכט, וואס דעמאלס איז נאר די וואך ביים הויפט־טויער, אלע אנדערע איינגאנגען פונם מוזעאום זענען פארשלאסן. נישט אזוי ווי אגאנצן טאג, וואס ס׳שטייט וואך ביי יעדן פליגל און ביי יעדן אפטיילונג פונ׳ם געביידע. דאריבער האט ער באשלאסן צו פארטאפלען די צאל פון די וואך אויף ביינאכט.

און אויסערדעם האט ער באשלאסן דאס יעדן צווייטן טאג זאל ער אליין מאכן אגרונדליכע אונטערזוכונג איבער די לענג און די ברייט פונ׳ם מוזעאום, דורכקוקן געגוי אלע אפטיילונגען, און באטראכטן איעדע שאפקעלע און איעדעם קעסטעלע. אזוי האט ער זיך געפירט א צוויי וואכן. ער פלעגט מאכן זיין באזוך אינ׳ם מוזעאום מיט א גרויסן שפאקטיוו וואס האט געהאט אין זיך א ערשטקלאסיגן פארפולקאמטן פארגרעסערונגס־גלאז. און מיט דעם

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 74 הודפס ע״י אוצר החכמה

פלעגט ער בודק זיין אלע קעסטלעך וואָס האָבן ענטהאַלטן די טייערסטע אַנטיק וואַרטזאַכן.

איינמאָל, אין אַטאָג ווען ער האָט געמאַכט די אינספּעקציע אינם מוזעאום, און ער האָט געמאַכט זיין געוויינליכע אונטערזוכונג ביים חושן משפט. מיטאַמאָל האָט ער באַמערקט מיט׳ן שפּאַקטיוו צווישן קליינינקע קריצן אויף דעם גאָלדענעם ראַם איבער די אויבערשטע רייע שטיינער, דאָס האָט ערוועקט אין אים אַ פֿאַרדעכ־טיגקייט, אַז פֿריִערדיקע הענט האָבן דאָ אַרום געאַרבעט. אַזאַ שרעק איז אים באַפֿאַלן דאָס ער האָט אָנגעהויבן צו ציטערן מיט׳ן גאַנצן קערפּער. ער האָט געעפֿנט דאָס גלעזערנע קעסטעלע, און אַרויסגענומען די אויבערשטע רייע שטיינער. אַ פּאַכמאַן איז ער אויך געווען און איידלשטיינער ער האָט עטליכע יאָרן שטודירט אויף דעם. ער האָט עס גוט באַטראַכט, און אוי ואבוי!... זענען געפֿעלשעוועטע שטיינער! די אָרגינעלע האָט דער גנב מיטגענומען, און האָט אַריינגעזעצט אויפֿן פּלאַץ גענויע קינסטלעריש געאַרבעטע געפֿעלשטע צוועלף שטיינער.

ער האָט געפֿילט דאָס ער פֿאַלט אַנידער און ברעכט צוזאַמען. ער איז אומגליקליך אויף אייביג! דער אָטעם האָט אים געשטיקט. די וועלט איז איבער אים פֿאַרפֿינסטערט געוואָרן. וויפֿיל מי און פּראָטעקציע האָט אים געקאָסט ביז ער איז צוגעקומען צו דעם פֿאַראַנטוואָרטליכן נאָבעלן פּאָסטן. און איצט אַזאַ בראָך! די גאַנצע שולד וועט דאָך פֿאַלן אויף אים, ער איז דאָך דער דירעקטאָר און הויפּט־אויפֿזעער, וואָס אויף אים ליגט די פֿאַראַנטוואָרטליכקייט. ער האָט קיין אַנדער וועג ווי צו אַנטלויפֿן ווי אַ גנב אין מיטן נאַכט, אָדער נעמען זיך דאָס לעבן. נאָך אַזאַ גרויסן דורכפֿאַל. און צו זיין גרויסן אומגליק איז געגנב׳עט געוואָרן דאָס טייערסטע אינ׳ם מוזעאום. די שטיינער פֿונ׳ם חושן.

ווי ער זיצט אַזוי פֿאַרטראַכט. פּלוצים הערט ער אַ קול רופֿט צו אים:

מאַרטימאַר, וואָס איז דיר? ביזט אַזוי ווייס ווי קאַלעך?

ער הויבט אויף די אויגן, און זעט ווי זיינער אַ שוואָגער, זיין ווייבס אַ ברודער שטייט פֿאַר אים.

איך האָב געהאַט אַ וועג צוגיין דאָ אין דעם געגנט — זאָגט דער שוואָגער — בין איך אַריין דיך זען. אָבער איך האָב זיך דערשראָקן פֿון דיין צורה, זעסט אויס זייער דערשראָקן און דערשלאָגן.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 75 הודפס ע"י אוצר החכמה

ס׳איז גאַרנישט — זאָגט מאָרטימאָר, און שטרענגט זיך אָן צו ווייזן אַ גלייכגילטיג פּנים.

ניין, מיין טייערער — זאָגט זיין שוואָגער — דו וועסט מיר נישט איינרעדן. מ׳דערקענט אין דיר גוט דאָס עפּעס האָט דיך שטאַרק אויפגערעגט. זאָג מיר וואָס דאָס איז?

מאָרטימאָר האָט זיך איינגעבראָכן: — וואָס זאָל איך דיר זאָגן, איך בין צעבראָכן. אַלעס וואָס כ׳האָב ערדייכט ביז היינט איז אַוועק מיט׳ן רויך...

נו, זאָג שוין, כ׳בעט דיך — בעט זיך דער שוואָגער דערשראָקן — וואָס האָט פּאַסירט?

מאָרטימאָר נעמט אים ביי דער האַנט, און פירט אים צו צום קעסטעלע פון׳ם חושן, און ווייזט אים: — זע! אַ גניבה!

אָבער איך זע דאָך גאָרנישט — זאָגט דער שוואָגער — דוכט זיך מיר אַז אַלעס איז אויפן פּלאַץ און עס פעלט גאָרנישט.

יאָ דער שפּאַקטיוו זאָגט שוין אַלעס אוים — זאָגט מאָרטימאָר מיט אַ שטילע דערשראָקענע שטימע — מיט׳ן אויג קען מען טאַקע גאַרנישט זען. דאָס איז געווען אַמייסטערישער גנב, און אַפּאַכמאַן צו איידלשטיינער. ער האָט אַלע צוועלף שטיינער אַוועק גענומען, און געלייגט אויף זייער אָרט פּינקטליך נאָכגעמאַכטע געפעלשטע שטיינער.

נו, וואָס דענקסטו צוטאָן: — פרעגט דער שוואָגער.

איך ווייס נישט וואָס. ס׳בלייבט מיר איבער נאָך איין זאַך צוטאָן, אַנטלויפן אין מיטן נאַכט. אָבער נעמען זיך דאָס לעבן.

אפשר דאָך, מעלדן די פּאָליציי — זאָגט דער שוואָגער.

ביי קיין פאַל נישט — זאָגט מאָרטימאָר. דעם גנב וועט מען נישט כאַפּן, און די גאַנצע פּאַראַנטוואָרטליכקייט וועט פאַלן נאָר אויף מיר.

הער זיך איין — זאָגט אים דער שוואָגער — דו דאַרפסט נאָך נישט זיין אַזוי געפאַלן ביי זיך און דערשלאָגן. איך האָב אַן עצה. מיר וועלן אַליין עפּעס פּראָבירן צו טאָן.

וואָס מיינסטו?

ס׳איז באַוואוסט, די גרויסע קרימינאַלאָגן האָבן דאָס באַשטעטיגט, דאָס אַגנב קערט זיך אום צוריק, ווינציגסטנ׳ס נאָך איינמאָל צום פּלאַץ פונם פאַרברעכן. איבערהויפּט ער האָט אַ גרונד צורעכענען דאָס ער וועט קענען נאָכאַמאָל עפּעס גנב׳ענען. ער איז

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 76 הודפס ע"י אוצר החכמה

ביי זיך זיכער דאָס די גניבה מיט די שטיינער וועט נישט אַנדעקט ווערן.

דאַריבער האַלט איך — האָט דער שוואָגער פאָרטגעזעצט — דאָס מיר זאָלן ביידע מאַכן אַ באַהעלטעניש אינם מוזעאום, און דער עיקר נישט ווייט פונ׳ם פּלאַץ פון חושן. און לויערן אויפן גנב אַ יעדע נאַכט, ביז מיר וועלן אים כאַפּן, ווערסט זען אַז דאָס וועט זיין מיט אַן ערפאָלג.

דיין פּלאַן געפעלט מיר — האָט מאַרטימאָר געזאָגט — מיר דאַרפן דאָס פּרובירן.

## — יד —

פראָפ. מאַרטימאָר און זיין שוואָגער, איז שוין די פערטע נאַכט וואָס זיי לויערן אויפן גנב אינ׳ם מוזעאום. אַלע טויערן זענען פון דרויסן פאַרשלאָסן. ביים הויפּט-טויער פּאַטרולירן צוויי באַוואָפנטע וואַך-לייט.

זיי האָבן זיך איינגעאָרדנעט אַ גוט באַהעלטעניש, פון וואו מ׳האָט געקענט זען אַרום און אַרום אין עטליכע זאַלן, איבערהויפּט האָט מען גוט געזען אין דעם זאַל וואו דער חושן איז געשטעלט אינ׳ם גלאַזערנעם קעסטעלע. אַלע זאַלן זענען געווען באַלויכטן מיט אַ טונקעלע שוואַכע באַלויכטונג.

מאַרטימאָר האָט אויך געהאַט מיט זיך זיין אָנגעלאָדענעם ביקס, און גרייט געווען אויף אַלע אומשטענדן.

די נאַכט שטונדן גייען זייער פּאַמעליך פאַריבער. זיי דאַרפן זיך אָנשטרענגען צוקוקן מיט די אויגן אין אַלע זייטן און ווינקעלעך. איין זאַך איז זיי קלאָר, דאָס דער גנב קען נישט אַריינקומען אין די געביידע אויף אַ נאָרמאַלן אופן. נאָר עפּעס אויף אַ באַהאַלטענעם מיסטעריעזן וועג. ווייל די פענסטער און טירן און טויערן זענען אַלע גוט פאַרשלאָסן, און באַפעסטיגט מיט אייזערנע גראַטעס. אחוץ דעם האַלטן אויף זיי אַן אויג די וואַך פון דרויסן.

ס׳איז נאָך האַלבע נאַכט, אַרום זייגער צוויי. פּלוצים האָט זיי דער אויער אויפגעכאַפּט עפּעס אַ קליינעם גערידער. דאָס האַרץ האָט זיי אָנגעהויבן צוקלאַפּן שטאַרקער, און מיט אַ איינגעהאַלטענעם אָטעם האָבן זיי געקוקט אין דעם פינסטערן ווינקל, פון וואו דאָס גערידער איז געקומען. דאָרט אין יענעם ווינקל איז געשטאַנען

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 77 הודפס ע"י אוצר החכמה

אַ פּאַרצייטישער עגיפּטישער טאָפּעלער טויטער־קאַסטן. אַ וואונדער־ליכע קינסטליכע אויסשניצונג פון שטיינער. אַמאָל איז אין דעם אָרון געשטאַנען צוויי באַלזאַמירטע טויטע קערפּער, איינס פון קליאָפּאַטרע די מצרי׳שע קעניגין און דאָס צווייטע איז געווען דער קערפּער פון אַ מצרי׳שן פירסט פון פּרעה׳ס צייטן. אָבער שפּעטער האָט מען קליאָפּאַטרע׳ס קערפּער אַריבער געפירט אין אַן אַנדער מוזעאום. איז איצטער נאָר געשטאַנען דאָרט דער קערפּער פון דעם מצרי׳שן פירסט.

ווי זיי קוקן שטאַרק אויף דעם אָרון, פּלוצים האָט זיך זיי די האָר אויפן קאָפּ אויפגעשטעלט פאַר שרעק, און אַ קאַלטער שווייס האָט זיי באַגאָסן. זיי זעען אַז דער געשניצטער דעק פונ׳ם אָרון רירט זיך און באַוועגט זיך פּאַמעלעך. דער דעק הויבט זיך צוביסלעך אויף, זיי זעען צוויי הענט אויסגעשטרעקט אַרויס, און דערנאָך ציט זיך אַ מענטשן־קאָפּ...

זיי האָבן געוואָלט געבן אַ היסטערישן געשריי, נאָר דער גרויסער שרעק וואָס האָט זיי אַרומגענומען האָט פאַרשטיקט זייער קול. ס׳איז דאָך עפּעס אַ שרעקליכע זאַך. זאָל זיין, דאָס דער מצרי׳שער פירשט קריכט דאָרט אַרויס פונם אָרון ?!

איניגע סעקונדן זענען אַריבער אין שרעק. דער פּראָפ. מאָרטימאָר האָט זיך אָנגעשטרענגט און געקוקט שטאַרק וואָס דאָרט קומט פאָר. ביז ער האָט דערזען און זיך איבערגעצייגט דאָס נישט דער באַלזאַמירטער פירסט קריכט דאָרט אַרויס, ער האָט אויפגע־אָטעמט פריי, ס׳איז אַרויס אַ לעבעדיגער מענטש אָנגעטאָן מיט געהעריגע מלבושים ווי אַ אַנדער מענטש.

זע נאָר — זאָגט ער שטיל צום שוואָגער — דאָס איז דער גנב !

מיט אַ איינגעהאַלטענעם אָטעם האָבן זיי נאָכגעפאָלגט די באַוועגונגען פון דעם מענטש. יענער האָט געהאַלטן אין האַנט אַ ברענענדיג לעמטערל, און גלייך געגאַנגען אינ׳ם ריכטונג וואו דער חושן איז געשטאַנען.

אוי ! איך חליש אַוועק ! — זאָגט מאָרטימאָר צו זיין שוואָגער — איך גלויב מיר נישט מיינע אויגן וואָס כ׳זע. דאָס איז דאָך דער אַלטער פּראָפעסאָר אַנדריאַס !

זענען ביידע געוואָרן אַזוי פאַרוואונדערט און דערשטוינט דאָס זיי האָבן נישט געוואוסט וואָס צוטאָן. אפילו אין ערגסטן חלום און

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראַלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 87 הודפס ע"י אוצר החכמה

דמיון וואלט ער אזא זאך נישט געקענט זיך פארשטעלן. אויף דער עלטער זאל דער הויכגעערטער רעספעקט-פולער פראפעסאר אראפ-פאלן אין אזא שפל'ע מדריגה, ווערן א גנב אין מיטן נאכט?!

שטילערהייט האבן זיי זיך ארויסגעריטשט פון זייער באהעלטעניש, און נענטער געקומען צום פראפ. אנדריאס פון הינטן.

פלוצים האט אנדריאס עפעס דערהערט א שטילן גערידער, ער האט געוואלט שנעל צוריקארויסלויפן, אבער ס'איז געווען שוין שפעט. ער האט דערזען פאר זיך דעם פראפ. מארטימאר, און געבליבן שטיין ווי פארגליווערט.

פראפ. אנדריאס! — האט מארטימאר אויסגעשריגן ווי נישט מיט זיין קול —— זענט איר דאס טאקע? כ'קען נישט פארשטיין, ווי קענמען אזוי אראפפאלן?!

אנדריאס איז געשטאנען ווי פארשטומט. די ליפן האבן אים געציטערט. ווי איינער וויל אויסברעכן אין א געוויין.

סוף האט ער געזאגט מיט א ציטערדינג קול!

פראפעסאר מארטימאר! איר זענט מיך אומזיסט חושד. איך קען אייך אויפקלערן די גאנצע זאך.

אין אנהויב האט מארטימאר געקוקט אויף אים מיט פארדאכט. אבער ווי אנדריאס האט אים געזאגט די ווערטער:

— ווי קען איך זיין דער גנב, ווען איך אליין האב צו אייך געשריבן אבריוו, און געווארנט איר זאלט אנגעמען מער ווארנונגס מיטלען קעגן גניבה?!

די ווערטער האבן תיכף געעפנט די אויגן פארן פראפ. מארטימאר, דאס ס'איז דאך טאקע ריכטיג אזוי.

נו, וואס איז טאקע דער ענין, וואס איר דארפט זיך אריינ'גנב'ענען אין מיטן נאכט?

איך וועל אייך ערקלערן די גאנצע זאך — האט אנדריאס געזאגט —— וואס דא גייט פאר.

דער גנב וועלכער האט געגנב'עט די שטיינער פונ'ם חושן, האט חרטה געהאט אויף זיין פארברעכן, און איז געקומען צו מיר, געוויינט און געבעטן איך זאל אים העלפן, ער וויל די שטיינער זאלן צוריקקומען אויפן פלאץ, אנדעם וואס מ'זאל וויסן ווער דער גנב איז געווען, כדי עס זאל נישט קומען צום געריכט. איך האב געזען דאס ער רעדט ערנסטע ווערטער, ער האט מיר פארשפראכן דאס ער וועט מער אין זיין לעבן נישט מאכן אזעלכע זאכן, און וועט זיך

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליקט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 9/ הודפס ע"י אוצר החכמה

פירן פון היינט אָן שטענדיג אויפן ערליכן גראַדן וועג. דער מענטש האָט אַפאַמיליע מיט קינדער. האָב איך אויף אים רחמנות בעקומען, און האָב אים צוגעזאָגט צו העלפן. און אַזוי ווי ס'איז ביי מיר נאָך געהאַט פאַרבליבן אַ שליסל פון איינעם פון די הינטערשטע טויערן, בין איך דאָרט נאָך אַנהייב נאַכט אַריינגעקומען, און פאַר זיכערהייטס וועגן האָב איך מיך באַהאַלטן ביז האַלבע נאַכט אין דעם טויטן־קאַסטן, כדי איך זאָל קענען אומגעשטערט אַרבעטן און צוריקשטעלן די צוועלף שטיינער ווי געהעריג

ווי ס'זעט אָבער אויס, דער בריוו וואָס כ'האָב אייך געשריבן און אַלאַרמירט וועגן זיכערהייטס מיטלען, דאָס האָט מיר אַליין פאַראורזאַכט דאָס איך בין געכאַפּט געוואָרן.

און אגב — —האָט פראָפ. אנדריאַס געזאָגט — בין איך אַליין צופרידן צוזען ווי ווייט איר האַלט אַ וואַכזאַם אויג אויפן מוזעאום.

אנדריאַס האָט זיי געוויזן די צעלף אָרגינעלע שטיינער וואָס ער האָט מיט זיך מיטגעברענגט צוריקצושטעלן אויפן פּלאַץ. און זיי איז נישט געבליבן עפּעס אַנדערש ווי צו גלויבן דעם פראָפ. אנדריאַס אויף זיין געשיכטע. סיי ווי וואָלט קיינער נישט געגלויבט דאָס פראָפ. אנדריאַס איז געוואָרן אַ גנב. און מאַרטימאַר איז סיי ווי געווען צופרידן וואָס די שטיינער זענען צוריק אויפן פּלאַץ, אַנדעם וואָס די שטאָט זאָל זיך דערוויסן פון די גניבה. ווייל אפילו ווען מ'כאַפּט דעם גנב, וואָלט דאָס געוואָרפן אַ שאָטן אויף מאַרטימאַר'ס פאַרטרויליכקייט, דאָס אונטער זיין אויפזעעריי קענמען אַזוי בע'גנב'ענען דעם מוזעאום אויף די טייערסטע אַנטיק זאַכן.

איך האָף מיין טייערער פריינט — האָט אנדריאַס געענדיגט — דאָס איר וועט מיך פאַרשטיין. און וועט האַלטן די גאַנצע זאַך בסוד, כדי ס'זאָל נישט אַרויסקומען אומזיסטע אונאַנגענעמליכקייטן.

מיין געערטער פריינד פראָפ. אנדריאַס — האָט אים מאַרטימאַר פאַרזיכערט —— איר מעגט זיין רואיג און זיכער דאָס קיינער וועט פון די גאַנצע זאַך נישט וויסן.

פראָפ. אנדריאַס, האָט אין זייער געגנוואַרט, אַריין געשטעלט צוריק די צוועלף שטיינער אינם חושן און פעראַרבעט און פאַרפּוצט אַזוי דאָס עס זאָל נישט זיין קענטיג אַבסעלוט דאָס עפּעס איז דאָרט געטאָן געוואָרן. סוף האָבן זיי אַלע דריי פאַרלאָזט דעם מוזעאום געביידע דורך אַ הינטער־טיר.

הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליכט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס: 80 הודפס ע"י אוצר החכמה

— טו —

פראָפ. פנחס אנדריאַס איז צוריקגעקומען צום מהר"ל, און איבערגעגעבן דאָס די שטיינער פונ'ם חושן זענען שוין צוריק אויפן פלאַץ.

אויפן דריטן טאָג איז פאָרגעקומען די חתונה פון דוד ווילסאָן מיט מרים אנדריאַס. דער מהר"ל האָט זיי געגעבן חופה וקידושין, און האָט געבענטשט דאָס פאָר פאָלק מיט מזל און ברכה והצלחה איבער זיין גאַנץ לעבן. ס'איז געווען אַ שיינע אידישע שמחה. אויבצוואר מ'האָט נישט געמאַכט קיין פרסום, נישט געוואָלט דאָס די גוי'אישע באַפעלקערונג זאָל זיך דערוויסן. דער נאָמען פון פראָפ. אנדריאַס איז געווען באַקאַנט אין די גאַנצע שטאָט. די זאַך וואָלט געמאַכט אַ גרויסן אויפרודער, אָבער דאָך האָט זיך פאַרזאַמלט גאַנץ אַ שיינער אידישער עולם, וואָרים די זאַך איז געווען אַ גרויסע סענסאַציע צווישן די אידן. און אויך צוליב דעם מהר"ל'ס פערזענ־ליכקייט. דער מהר"ל אַליין איז געווען אין גאַר אַ גוטע שטימונג ביי די חתונה. ער האָט גענומען אַ טייל אין שמחת חתן וכלה.

דעם אַנדערן טאָג דערויף האָט דער מהר"ל פאַרלאָזט לאָנדאָן. די פאַמיליע אנדריאַס—ווילסאָן האָבן אים באַגלייט ביז'ן שיף. דער מהר"ל האָט זיי געבעטן דאָס זיי זאָלן שטיין אין שטענדיגע פאַרבינדונג מיט אים בריוולעך. און ער האָט זיך פון זיי געזעגנט מיט האַרציגע ברכות.

פראָפ. אנדריאַס האָט גאַנץ שנעל ליקווידירט זיינע אַלע זאַכן אין לאָנדאָן, פאַרקויפט די הייזער, געמאַכט פון אַלעמען געלט. און די פאַמיליע אנדריאַס—ווילסאָן האָבן פערלאָזט לאָנדאָן שטילערהייט אָן רעש און פירסום. זיי האָבן זיך באַזעצט אין פאַריז.

אין פאַריז האָבן זיי צוזאַמען געעפנט אַ געשעפט. דעם מהר"ל ברכות איז ביי זיי מקוים געוואָרן. ס'איז זיי פון דער ערשטער מינוט גוט געגאַנגען.

דוד ווילסאָן האָט זיך געדונגען אַ תלמיד חכם, וועלכער האָט מיט אים איעדן טאָג געלערנט תורה. און איינגעפירט די גאַנצע שטוב אויפן העכסט אידישן וועג. ס'איז ביי זיי געווען „תורה וגדולה במקום אחד", זיי האָבן געזען פיל אידיש נחת ביי קינדער און קינדם קינדער.

דער זכות פונ'ם הייליגן מהר"ל זאָל מגין זיין אויף אונז, און אויף אַלע אידישע קינדער אמן.

הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
ליקט שטראלן - א כהן, אלישב עמוד מס : 81 הודפס ע"י אוצר החכמה